# משיחת כ' מנ"א תשי"ד

בס"ד. שיחת כ' מנ"א, תשי"ד. הנחה בלתי מוגה

א. עס איז א מנהג אז ביום היאצ"ט מאכט מען א סיום.

עס שטייט אין משנה בסוף מס' סוכה: בילגה לעולם חולקת בדרום וטבעתה קבועה וחלונה סתומה. ומפרש שם בגמרא, דקנס הוא שקנסו חכמים למשמרת בילגה.

דער טעם פארוואס מען האט גע'קנס'ט די משמרת - דערציילט די גמרא - מעשה במרים בת בילגה וואס זי האט מבזה געווען את הכהונה, און איבער דעם האט מען גע'קנס'ט די גאנצע משמרת.

פרעגט די גמרא, וואס איז געווען שולדיג די גאנצע משמרת צוליב מרים'ן? ענטפערט די גמרא, שותא דינוקא בשוקא או דאבוה או דאימי', אז וואס א קינד רעדט איז דאס וואס זי האט געהערט פון איר פאטער אדער מוטער, פרעגט ווייטער די גמרא, וואס איז אבער געווען שולדיג די גאנצע משמרת? דער שולד איז דאך נאר אין דער משפחה, איז פארוואס האט מען גע'קנס'ט די גאנצע משמרת? ענטפערט די גמרא, אוי לרשע ואוי לשכנו.

און די גמרא איז מסיים, אז אזוי איז אויכעט אין גוטן זייט, טוב לצדיק וטוב לשכינו, ולגירסת הר"ח אשרי לצדיק ואשרי לשכינו, שנאמר אמרו לצדיק כי טוב - לשון יחיד - כי פרי מעלליהם יאכלו - לשון רבים - ווייל טוב לצדיק וטוב לשכינו.

קומט אויס פון דער גמרא אז אין דעם איז פאראן צוויי ענינים. א) משפחת מרים. ב) דער גאנצער משמר. אין דער משפחה איז טאקע געווען א פגם אין א פנימיות, וואס זיי זיינען געווען שולדיג, נאר דאס איז געווען פארבאהאלטן, און דורך איר האט מען זיך דערוואוסט. דאגעגן דער גאנצער משמר איז גאר ניט געווען שולדיג, אין דעם משמר איז קיין פגם ניט געווען, ווארום אויב עס וואלט געווען עפעס א שולד אויך אין דעם גאנצן משמר וואלט די גמרא ניט דארפן אנקומען צו דעם טעם פון אוי לרשע ואוי לשכינו, מוז מען דאך זאגן אז אין דעם גאנצן משמר איז קיין פגם ניט געווען אין א פנימיות, און פונדעסטוועגן מצד דעם אליין וואס זיי זיינען געווען שכנים, וואס דאס איז מערניט ווי א דבר שמבחוץ, איז אוי לרשע ואוי לשכינו.

פון דעם איז מובן, אז אויך אין צווייטן זייט פון טוב לצדיק וטוב לשכינו, איז אפילו אויב ער האט אין זיך גארניט אין א פנימיות פון דעם צדיק, עס איז מערניט וואס ער איז א שכן צום צדיק, א דבר שמבחוץ, פועל'ט אויך דער צדיק, בחייו ובמותו, אז טוב לצדיק וטוב לשכינו.

ב. די וואס זיינען זיך ניט מתייגע אין דעם פארשטאנד פון אחדות הוי', וואס בכדי צו פארשטייך דעם ענין פון אחדות הוי' לאמיתתו, מוז מען האבן אויף דעם א יגיעה, מען זאל זיך

מעמיק זיין אין דעם, וואס דוקא דאן פארשטייט מען דעם ענין לאמיתתו

– בשעת מען לערנט מיט א קינד שמע ישראל גו' הוי' אחד, טייטשט מען אים אפ אז דער אויבערשטער איז דער מלך מלכי המלכים און דאס איז אים שוין גענוג, עס איז דא מלכים און מלכי המלכים און דער אויבערשטער איז דער מלך מלכי המלכים, און נאך אזא איז ניטא. דאס איז גענוג פאר דעם קינד צו פארשטיין אחדות הוי'.

בשעת דער קינד ווערט עלטער, איז אים די פריערדיקע ידיעה ניט מספיק און מען זאגט אים אז עס איז ניטא קיין שליטה אויסער דעם אויבערשטן, ניט נאר וואס ער איז דער ממה"מ, נאר אז ער איז דער איינציקער שליט, ווארום אלץ'סנדיג איז כגרזן ביד החוצב, וואס דער גרזן האט ניט קיין בחירה ורצון, ובאמת איז דאס נאכמערער, ווארום דאס גופא וואס דער גרזן (אין נמשל) איז פאראן, איז דאס מצד דעם וואס דער אויבערשטער איז אים מחי' ומהווה.

נאכעהר, ווען ער ווערט נאך עלטער, זאגט מען אים אז ניט נאר וואס עס איז ניטא קיין שליטה אויסער דעם אויבערשטן, נאר נאכמערער, עס איז ניטא קיין מציאות אויסער אים, ניט נאר אז הוי' אחד נאר אז אין עוד מלבדו.

וואס בכדי צו פארשטיין דעם ענין לאמיתתו מוז מען האבן א יגיעה –

איז אזוי ווי עס פעלט בא זיי דער פארשטאנד אין אחדות הוי', און בא זיי איז פאראן שניות ח"ו, אזוי פעלט בא זיי אויך די הבנה אין אחדות התורה, וואס הוי' אחד און תורתו איז תורה אחת, און בא זיי איז דא שניות אין תורה, אז זיי טיילן אפ איין חלק אין תורה פון דעם צווייטן.

ג. אין אפטיילן חלקים אין תורה איז פאראן כמה סוגים.

אין א גראבן אופן איז דאס אז ער זאגט, שמועה זו נאה ושמועה זו אינה נאה. ער איז טאקע מודה אז אויך יענע שמועה איז נאמרה למשה מסיני, ווארום אויב ניט, איז דאך דאס אינגאנצן קיין שמועה ניט, וויבאלד ער רופט דאס אן שמועה, זאגט ער אז דאס איז מסיני, נאר ער טענה'ט אז אים איז דאס ניט נאה, ער מצד זיין מצב דארף דאס ניט.

אין אן איידעלערן אופן איז, ער האלט טאקע אז מען דארף אלץ לערנען און טאקע אז ער דארף אלץ לערנען, נאר ער לייגט דאס אפ אויף שפעטער, לכשאפנה אשנה. וויכטיקערע זאכן – לדעתו – וועט ער לערנען שוין אויפן ארט, און נאכדעם וואס ער וועט



הנחה בלתי מוגה

דערמיט ממלא כריסו זיין, וועט ער לערנען אויך דעם צווייטן חלק.

און כאטש ער ווייס די משנה אל תאמר לכשאפנה אשנה שמא לא תיפנה, פונדעסטוועגן ארט דאס אים ניט, עס באדערט אים ניט אז ער וועט זיך געפינען אין איין ארט און א געוויסער חלק פון תורה אין נאך אן ארט, ווייל ער טיילט אפ און מאכט שניות אין תורה.

נאך אן איידעלערער אופן איז, ער לייגט ניט אפ קיין חלק אויף שפעטער, ער לערנט אלע חלקים שוין איצטער אויפן ארט, נאר עס איז פאראן א חלק אין תורה וואס ער לערנט ברצון ובחשק, דאס איז בא אים במקום שלבו חפץ, און עס איז פאראן א חלק וואס ער לערנט אים נאר בקב"ע, אן געשמאק און אן עיון.

ומצד דעם קומט אויס אז מען טיילט אפ פון הלכה שבתורה ביז אגדה שבתורה, אז הלכה לערנט מען בעיון ובחשק און אגדה מערנים ווי בקב"ע בלבד. און מען איז זיך נאך סומך על הכלל דאין למדין הלכה מאגדה, היינט וויבאלד אז א הלכה, אן ענין פון פועל, וואס דאס - פועל - איז דער תכלית כל האדם, קאן ער ניט אפלערנען פון אגדה, איז דא ניט זיין ענין און האט ניט אין דעם קיין חשק.

ד. דער אמת אבער איז, אז לבד זאת וואס עס איז פאראן דיעות אז למדין הלכה מאגדה, לבד זאת, איז במקום וואו עס איז ניטא קיין סתירה פון הלכה צו אגדה, איז הסכמת רוב הדיעות אז למדין הלכה מאגדה.

ולבד זאת, שרייבט דער אלטער רבי באגה"ק אויף אגדה שבתורה, שסודות התורה ומדות טובות גנוזים בה, וואס דאס איז דוקא אין אגדה שבתורה, און פון הלכה קאן מען דאס ניט ארויסנעמען, און דער דמב"ם שרייבט בהל' תשובה, אז תשובה דארף מען טאן ניט נאר אויף מעשים דעים בלבד, נאר אויך און נאכמערער, אויף דיעות רעות און מדות רעות, קומט דאך אויס, אז אלע הלכות פון חובת המוח וחובת הלבבות, די ענינים של פועל וואס איז שייך צו מוח ולב, קאן מען דאס וויסן דוקא פון אגדה שבתורה.

און פון דעם אליין וואס עס איז פאראן אזוינע הלכות וואס מען לערנט זיי אפ פון אגדה שבתורה, איז וויבאלד עס איז פאראן געוויסע הלכות אין אגדה, מוז מען זאגן אז עס איז פאראן א יחס כללי פון אגדה והלכה, אויך פון שארי הלכות, און עס איז פאראן דוגמאות אין הלכה אויף די ענינים שבאגדה, ווארום הוי' אחד ותורתו אחת.



<u>הנחה בלתי מוגה</u>

ה. והנה סיום הנ"ל דמס' סוכה בענין שכינות הוא באגדה שבתורה, אך יש דוגמא על זה גם בהלכה שבתורה, והוא דינא דבר מיצרא. דכאשר בעל השדה מוכר שדהו לאחר, יכול הבר מיצרא לעכב על זה, ולא עוד, אלא שהלוקח נעשה שלוחו של הבר מיצרא, שהקנין של הלוקח מהני להבר מיצרא מצד שליחות, והבר מיצרא צריך לשלם לו הדמים לפי שהוא שלוחו.

והנה דין זה הוא ענין של שכינות, שהדי בעל השדה הוא הוא הבעלים של השדה ואדם יכול לעשות בשדהו כל מה שרוצה, ולהבר מיצרא אין שום חלק בהשדה, ולכן כאשר בעל השדה נותן שדהו במתנה אין אז דינא דבר מיצרא, ולפי"ז אי"מ כלל מפני מה הוא יכול לעכב את המכירה, ובהכרח שכל כחו בהשדה הוא רק ענין של שכינות בלבד.

וכח זה של הבר מיצרא שיש לו בהשדה מצד השכינות, יש לבאר בב' אופנים, דוגמת ב' האופנים שבסיום מס' סוכה, שמשפחת מרים שהי' בה פגם בפנימיות וכל המשמר שהוא רק דבר שמבחוץ בלבד.

אופן א', מצד שכינותו של הבר מיצרא יש לו איזה בעלות בהשדה, ולכן אין בעל השדה יכול למכור את שדהו, כי אין בכחו למכור חלקו של השני, אמנם בעלותו של הבר מיצרא היא בעלות קלושה, ולכן במתנה אין הדין דבר מיצרא, כי מתנה בכחה להפקיע מבעלות קלושה הלזו, אבל מכר אין בכחה להפקיע.

אופן ב', אין להבר מיצרא שום בעלות בהשדה באופן פנימי, והוא רק דבר שמבחוץ, היינו דלהיות ששדהו הוא בסמיכות ושכינות, וע"י קנין השדה לאחר יהי' לו איזה היזק מזה, הנה יש על זה דין דועשית הישר והטוב.

וההפרש בין ב' אופנים אלו הם, דלאופן הא', דינא דבר מיצרא הוא על תחילת הקנין, על המוכר, שהמוכר אינו יכול כלל למכור חלקו של השני. משא"כ לאופן הב', הדי על המוכר (מצד עצמו) אין שום דינא דבר מיצרא כלל, ותחלת הקנין הוא כדבעי, שהדי יש בכחו למכור את שדהו, אלא שעי"ז שהלוקח קונה את השדה יש היזק, הדי הדין הוא מצד סוף וגמר הקנין, מצד הלוקח ולא מצד המוכר.

ועפי"ז יש להביא ראי' כאופן הב'. דהנה כאשר מקדיש שדהו לעניים אין בזה הדין דבר מיצרא. ואם נאמר כאופן הא', אין שום חילוק למי הוא נותן את השדה, להדיוט או להקדש, שהדי הדין הוא מצד המוכר ולא מצד הלוקח, דכמו שאינו יכול למכור חלקו של השני כך אינו יכול להקדיש את חלקו של השני, ואף גם אם נאמר שגם לאופן זה יהי' חל ההקדש (וכמו מתנה שמפקיע את בעלותו הקלושה של הבר מיצרא - אין זה בבידור) מ"מ זה בגדר

עוולה עכ"פ, ומוכרח כאופן הב׳ שהוא מצד הלוקח, ודין זה דבר מיצרא הוא רק בין אדם לחבירו ולא בין אדם למקום.

ומזה שהדין בהלכה שבתורה הוא דאף אשר אין להבר מיצרא שום בעלות בהשדה באופן פנימי מ"מ יש לו ג"כ איזה זכות בהשדה, מזה יוצא (פון דעם איז ארויסגעקומען) גם באגדה שבתורה, דגם כאשר הוא שכן בלבד, באופן חיצוני בלבד, מ"מ אוי לרשע ואוי לשכינו וכמו"כ טוב לצדיק וטוב לשכינו.

ו. ובזה יובן פירש"י שפי׳ טוב לצדיק וטוב לשכינו, שמרובה מדה טובה. ולכאו׳ א"מ למה לי׳ למימר שמרובה מדה טובה, והרי גם אם מדה טובה הי׳ שוה למדת פורעניות הי׳ ג"כ מספיק, דכשם שבמדת פורעניות הנה אוי לרשע ואוי לשכינו, כמו"כ הוא במדה טובה דטוב לצדיק וטוב לשכינו, ולמה לי׳ למימר שמרובה מדה טובה דוקא?

ויובן זה בהקדים תחלה עוד דוגמא לענין השכינות בהלכה שבתורה, והוא הדין דתוספות מחול על הקודש, ביו"כ שהוא מדאורייי׳ לד"ה, ובשבת ויו"ט שהוא מדאורייתא או מדרבנן, דדין זה דתוספות מחול על הקודש הוא ג"כ ענין של שכינות, שהזמן שקודם השבת הוא שכן לשבת, ובדין זה יש ג"כ לפרש בב׳ אופנים הנ"ל, באופן פנימי ובאופן חיצוני.

אופן א׳, בהזמן שקודם השבת, מצד שכינותו לשבת, יש בו ג"כ הקדושה דשבת, היינו שבפנימיות דזמן זה, יש בו הקדושה דשבת.

אופן ב׳, בפנימיותו של הזמן אין בו שום קדושה, אלא שהוא הכנה לשבת בלבד, דלהיותו שאי אפשר לדלג מחול לשבת, מן הקצה אל הקצה, וצריך להיות בהדרגה, לזאת צריך להיות הכנה מקודם, והוא הזמן דתוספות שבת, שאז הוא ההכנה לשבת.

וההפרש בין ב׳ אופנים אלו הוא, דלאופן הא׳, הנה כל הדינים שישנם בשבת מוכרח שישנם גם בהזמן דתוספות שבת, דהואיל שהו"ע פנימי, א"א לחלק, ומוכרח שיש בו כל הענינים דשבת. ולאופן הב׳, אפשר שלא יהיו כל הדינים דשבת בהזמן דתוספות שבת, דהואיל והוא רק הכנה בלבד, הרי אפשר שההכנה הוא רק בפרט אחד ולא בפרט השני.

ועפי"ז יש להביא ראי׳ כאופן הב׳. דהנה יש הפרש בין קידוש שבת לפסח, היינו להחיוב דד׳ כוסות. דקידוש שבת יוצאים גם בהזמן דתוספות שבת, וכמ"ש הב"ח, שהתפללו ערבית, קידשו, סעדו סעודת שבת, טיילו, ועדיין היום גדול. משא"כ בהחיוב דד׳ כוסות אין יוצאים מבעוד יום, ומוכרח בלילה דוקא.

והטעם לזה הוא כי בהזמן דתוספות, ישנו רק הקדושה של השבת או החג, אבל לא הלילה, והוא יום. ולזאת הנה בקידוש



<u>הנחה בלתי מוגה</u>

שבת ששייכותו הוא רק להקדושה דשבת ולא להלילה דשבת דוקא, שהרי בקידוש יוצאים גם ביום, לזאת מהני גם מבעוד יום, הואיל והקדושה דשבת ישנו בו. אמנם החיוב דד' כוסות ששייכותו הוא לא רק להקדושה דפסח כ"א גם להלילה דפסח דוקא, דכל דתקון רבנן כעין דאורייתא תקון וכמו החיוב דמצה ומרור הוא בלילה דוקא כמו"כ הוא גם החיוב דד' כוסות, לזאת לא מהני מבעו"י, הואיל ואין בו דיני לילה.

ומזה שבהזמן דתוספות יש בו רק דיני הקדושה אבל לא דיני הלילה, מוכרח לומר שהוא רק ענין של הכנה בלבד. דאם נאמר שהוא באופן פנימי אז א"א לחלק בין דין אחד לשני, ומוכרח שיהיו בו כל הדינים, ומזה שיש חילוק מוכרח לומר שהוא הכנה בלבד, דלכן ההכנה הוא רק לדין אחד ולא לכל הדינים.

דהנה בזמן ישנו עצם מציאות הזמן ומה שהוא נושא, דבתחלה הוא הנושא של יום ולילה, שהוא נושא הראשון שבזמן ושייך לעצם מציאותו, אח"כ יש בו שהוא נושא בתוכו קדושה וחול, דנושא זה (השני) הוא מה שמתוסף על עצם הזמן ואינו שייך לעצם מציאותו. ולזאת הנה ההכנה שהו"ע חיצוני בלבד, אינו מגיע (עס דערלאנגט ניט) ואינו פועל כ"א בהחיצוניות והתוספות שמתוסף על עצם הזמן והוא הקדושה אשר בו אבל לא בנושא הראשון אשר בו שהוא פנימיות.

ז. ובזה יובן מה שפי' רש"י שמרובה מדה טובה דוקא ולא הסתפק בזה שמדה טובה היא שוה כו'. דהנה אף שמכהנ"ל דאי' אשר גם שכינות באופן חיצוני בלבד ג"ז מספיק, דלכן הנה תפלת הצדיק, או בהענין דכל בי עשרה שכינתא שריא, צריך להיות מספיק גם שכינות באופן חיצוני בלבד, וכמו שהוא בהדינים דבר מיצרא ודתוספות מחול על הקודש שגם שכינות חיצוני בלבד מועיל, מ"מ אי"ז מספיק עדיין, והוצרך להוסיף שמרובה מדה טובה, דוקא.

דהנה אינו דומה מדת פורעניות למדה טובה. דבמדת פורעניות היינו בהענין דאוי לרשע ואוי לשכינו, הרי מזה שאוי לשכינו הוא רק ענין של פורעניות, שהוא חיצוניות בלבד, ולפי שעה בלבד, כמ"ש ברגע קטן עזבתיך וברחמים גדולים אקבצך, אמנם במדה טובה, דטוב לצדיק וטוב לשכינו, הרי פעולת הצדיק בשכינו הוא טוב נצחי וטוב פנימי, שהרי הוא פועל עליו בפנימיות, הנה זה א"מ לכאורה, מאחר שהוא רק שכן באופן חיצוני בלבד, מדוע מגיע לו טוב פנימי ונצחי, דלכאו' מאחר שהשכינות הוא רק באופן חיצוני גם ההמשכה צ"ל המשכה חיצונית בלבד (וכנ"ל בענין תוספות שבת שההכנה אינו מגיע כ"א בחיצוניות הזמן בלבד אבל לא בפנימיות הזמן) לזאת פירש"י דמרובה מדה טובה, ולכן במדה טובה הנה גם ע"י התקשרות באופן חיצוני בלבד נמשך טוב פנימי ונצחי.

ח. ובזה יובן ג"כ גירסת הר"ח שאינו גורס טוב לצדיק וטוב

לשכינו כ"א אשרי לצדיק ואשרי לשכינו. ולכאו' א"מ מה מתקן בזה? אך הענין הוא, דאשרי הוא מלשון אישור, מאשר שמינה לחמו, ומלשון ראש, שכ"ז הוא למע' מהשתלשלות, והוא טוב פנימי ונצחי, וזהו כוונתו של הד"ח, שבא לשלול אשר זה מה שטוב לצדיק וטוב לשכינו, אין זה כמו בזה שאוי לרשע ואוי לשכינו, דברשע הוא רק ענין חיצוני בלבד, משא"כ בצדיק, הנה אף שהשכינות הוא שכינות חיצוניית בלבד, מ"מ הנה לא רק שטוב לצדיק וטוב לשכינו, אלא גם אשרי לצדיק ואשרי לשכינו, מלשון באשרוני בנות, דלפי שמרובה מדה טובה, הנה אשרי לצדיק ואשרי לשכינו.

ט. וזהו ג"כ מ"ש בזהר צדיקא דאתפטר אשתכח בכולהו עלמין יתיר מבחיוהי, טענה'ן דאך די וואס זיי האבן אים ניט געזען און ניט געקאנט, טענה'ן זיי, איצטער קאן מען דאך אים ניט זען און ניט הערן, איז וואס קאן מען איצטער האבן, מיט וואס איז דער אשתכח יתיר?

אויף דעם זאגט מען, אשרי לצדיק ואשרי לשכינו, אז אויך לשכנו, מען קאן ניט זען און מען קאן ניט הערן, אבער דורכדעם וואס לשכינו, איז די חיצוניות פועל'ט און עס הויבט אויף אויך אין א פנימיות, ווי עס שטייט קרב לאידן ואידן, אז מען ווערט ווי א איד דארף זיין ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד.

* * *

י. אין אוי לרשע ואוי לשכינו איז פאראן צוויי פירושים. דער פירוש הפשוט איז אז אוי איז מלשון פורעניות, אז די פורעניות קומען ניט נאר אויפן רשע אליין נאר אויך אויף זיין שכן. דער צווייטער פירוש וואס דאס איז דער פנימיות'דיקער פירוש, איז אז אוי איז מלשון א בראך, ד.ה. שבירת הרע, אזוי ווי עס שטייט באבוד רשעים רנה, איז אוי לרשע ואוי לשכינו.

ד.ה., אזוי ווי אין עבודה איז פאראן צוויי קוים, סור מרע און ועשה טוב, וואס דאס איז דער קו המרידות וכובד ראש שקודם התפלה, וואס תכליתו איז דער צווייטער קו - דער קו השמחה שבתפלה, איז אין בײדע קוים, פועל'ט דאס אויך אויפן שכן, אוי לרשע ואוי לשכינו אין קו פון סו"מ, און טוב לצדיק וטוב לשכינו אין קו פון ועש"ט. אז אין בײדע קוים, איז ניט נאר וואס עס פועל'ט אויף זיך אליין, נאר עס העלפט אויך לשכינו.

יא. דערמיט וועט מען פארשטיין וואס עס שטייט אין מגלה עמוקות אז אלול איז ר"ת אוי לרשע ואוי לשכינו. ולכאו' לפי פי' הא', אלול איז דאך חודש הרחמים, אלול איז די הכנה צו דער כתיבה וחתימה טובה דר"ה, היינט וואס פאר א שייכות האט

חודש אלול צו פורעניות? נאר דער פשט איז כפי' הב', אז דאס מיינט שבירת הרע, און דאס איז וואס עס שטייט אין מגלה עמוקות אז אלול איז ר"ת אוי לרשע ואוי לשכינו, אוי לרשע אז בחודש אלול אליין איז שבירת הרע, ואוי לשכינו, עס פועל'ט אויך אויף זמן הסמוך לו.

דער ענין אין דעם איז:

עס שטייט אין זהר פ' יתרו אז עס איז פאראן די חדשים פון יעקב'ן, דאס איז ניסן אייר סיון, און ס'איז פאראן די חדשים פון לעו"ז, דאס איז תמוז אב און שבט לויט איין גירסא, פונדעסטוועגן שטייט דארטן אז נאך ט' ימים באב, אתאבד דינא ולא אשתכח. הייגט וויבאלד אז נאך די ניין טעג איז אתאבד ולא אשתכח, איז וואס זאגט ער אז חודש אב (וואס איז משמע דער כללות החודש און ניט נאר די ניין טעג) איז פון די חדשים דלעו"ז? נאר דער ענין איז, אז דאס וואס נאך ניין טעג אתאבד ולא אשתכח, דאס איז מצד די סמיכות צו חודש אלול, חודש הרחמים, וואס חודש אלול פועל'ט אויף א זמן שלפניו די שבירת הרע, וואס דאס איז אוי לשכינו.

דערפאר שטייט אויך אין קרבן נתנאל אז נאך די ניין טעג קאן מען האבן א משפט מיט א גוי, וואס בכלל אויף חודש אב שטייט אז מען זאל ניט האבן קיין משפט מיט א גוי, ווילן אנדערע זאגן אז דאס איז א גאנצן חודש, זאגט דער קרבן נתנאל אז נאך די ניין טעג מאכט ניט אויס, און ברייננט דעם זהר הנ"ל, ווארום חודש אלול פועל'ט די שבירת הרע אויך בחודש אב.

יב. דער תכלית פון דעם רע איז דאך צוקומען צו א טיפערן ועשה טוב, וכנ"ל בענין המרירות והכובד ראש וואס דער תכלית המרירות איז שמחה, דערפאר איז דער ביטול הדינים ושבירת הרע וואס אלול פועל'ט בחודש אב, איז דאס נאך מיט א תוספות אין דעם קו פון ועש"ט, אז נאך די דינים וואס אין די ניין טעג, איז דער ביטול הדינים וואס עס ווערט דורך חודש אלול, חודש הרחמים, איז דאס נאך מיט א תוספות.

דערפאר ווערט אנגערופן חודש אב מיטן נאמען מנחם, און ניט סתם מנחם נאר מנחם אב, אז דעם אב גופא, די דינים גופא, איז ער מנחם, עס ווערט נאך א חום'.

יג. בנוגע אין עבודה בפועל איז:

בשעת מען טוט דעם אויבערשטנ'ס א שליחות, א שליחות פון דעם אדם העליון שעל הכסא, וואס שלוחו של אדם - אדם מיינט דאס דער אדם העליון - כמותו, אז מען ווערט כביכול א כל יכול און א בעה"ב אויף אלע ענינים השייכים לעבודתו,



הנחה בלתי מוגה

איז אין בײדע קוים, סײ אין דער עבודת השליחות פון סו"מ סײ אין דער עבודת השליחות פון ועש"ט, דארף מען טאן די עבודה בשמחה, ווארום פון דעם גופא וואס ער איז דעם אויבערשטנ'ס א שליח דארף ער זײן בשמחה ניט קוקנדיק מיט וואס ער האט צוטאן מיט רע צי מיט טוב,

יעמולט איז מנחם אב, אז ער איז מהפך די דינים גופא צו טוב, און דערנאך קומט מען צו חודש אלול חודש הרחמים, וואס ס'איז א הכנה צו דער כתיבה וחתימה טובה על כל השנה כולה.

יד. (כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן ניגון מאביו ז"ל, אח"כ הניגון צמאה לך נפשי, ואח"כ המשיך לומר:)

אזוי ווי אין סו"מ איז דאך אוי לרשע ואוי לשכינו אז די עבודה פון סו"מ הויבט זיך אן נאך מיט א זמן פריער, אזוי איז אויך אין דעם ועש"ט, דארף זיך אנהויבן די עבודה פון פריער, אז בשעת עס איז פאראן עפעס אן ענין טוב, דארף מען דאס אנהויבן פון פריער, טוב לצדיק וטוב לשכינו.

וואס אויף דעם ענין פון טוב וקדושה שטײט דאך בפירוש אז עס איז פאראן א תוספות מהחול בא יו"כ מדאורייתא, און בא שבת ויו"ט לויט אײן דיעה מדאורייתא און לויט א צווייטע דיעה מִדרבנן

-.דער רבי האט אמאל געשריבן בשם אדמו"ר מהר"ש בנוגע כיבוד חמיו אז מיט א דרבנן דארף מען זיך אויך ניט ווארפן -

תוספות מחול על הקודש.

טו. אין זמן איז פאראן כמה סוגים, זמן, נצחיות, און א"ס וואס עס איז נאך העכער פון נצחיות, ווארום עס איז למע' מהגבלות הזמן לגמרי. און דאס - אין סוף - ווערט נמשך בנשואין, וואס דאס איז א בנין עדי עד, ווארום עס איז למע' מהשתל', וואס דערפאר איז חתן ביום חופתו מוחלין לו על כל עוונותיו, ווײלע דאס דערלאנגט אין העכער פון השתלשלות, וואס דארטן איז ניטא דער גאנצער ענין העוונות.

איז בשעת עס קומט אזא זמן וואס עס איז א"ס ולמע' מהשתל', איז אשרי - למעלה מהשתלשלות כנ"ל - לצדיק ואשרי לשכינו, אז נאך מיט א משך זמן פריער ווערט נמשך א מעין דערפון, אין א פנימיות אדער במקיף עכ"פ.

טז. אזוי ווי אין דעם יום הנישואין, איז הגם עס איז המשכה שלמע' מהשתל', פונדעסטוועגן דארף מען האבן א קצת הכנה אויף דעם, דבאתערותא דלתתא תליא מילתא, וואס דערפאר איז חתן וכלה מתענים ביום חופתם, ווארום עס איז א מעין פון יו"כ.

# משיחת ו' תשרי תשכ"ח

ה. אזוי ווי מארגן איז דאך א יום העבודה, במילא קען מען דאך היינט ניט מאריך זיין ככל הצורך; וועט מען מוסיף זיין א נקודה אין דעם הדרן, און אויך א נקודה בהמשך צו דעם וואס ס'האט זיך גערעדט שבת.

בנוגע צום סיום פון מס' סוכה האב איך געזאגט אז ס'איז דא צוויי פירושים: א) פירוש רש"י און ב) פירוש המשניות להרמב"ם. וואס זיי זיינען ניט נאר שונים, נאר ס'איז אויך באזונדערע ענינים און שיטות אין ביאור הענינים.

בשעת ס'רעדט זיך וועגן טבעתה קבועה, חלונה סתומה און חולקה בדרום – איז וועגן חולקת בדרום איז די משנה אליין מפרש וועגן וואס דאס רעדט זיך: אז בשעת מ'פלעגט פאנאנדערטיילן (דעם לחם הפנים וכיו"ב) אין דער עזרה און דעם היכל, איז די משמרה וואס דעמאלט איז געווען זמן עבודתה, פלעגט זי דאס טיילן בצפון; די משמרה היוצאת– די וועלכע ס'האט זיך געענדיגט זמן עבודתה, פלעגט זי באקומען אירע חלקים אין דרום.

וואס דער חילוק פון צפון און דרום אין מקדש איז מובן פון די דינים, אז קדשי קדשים שחיטתן בצפון, משא"כ קדשים קלים איז בכל מקום – אויך בדרום, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז א חילוק אין

אין קדושה,

און דאס באווייזט מען, אז אעפ"י וואס סיי די משמרת היוצאת און סיי די משמרה הנכנסת זיינען ביידע עבודתם בקודש, ביידע כהנים, און ביידע דינען און טוען די עבודה - עבודת ביהמ"ק, אבער אין קדושה גופא איז דא דרגות, און דערפאר איז מען מחלק אז משמרה העובדת בפועל איז חולקת בצפון, און משמרה היוצאה איז חולקת בדרום.

אזוי ווי בילגה האט דאך ארויסגעוויזן אז זי איז ניט ווי כהנים דארפן זיין, דערפאר איז לעולם חולקת בדרום - אפי' בשעת ס'איז געווען דער זמן וואס זי האט עובד געווען עבודת המקדש, האט זי אבער אונדעסטוועגן באקומען די חלקים לאכילה, ניט אין צפון (וואס דארט איז געווען קדושה בשלימותה) נאר בדרום (וואס כאטש דארט איז אויך געווען קדושת המקדש, אבער ניט די זעלבע קדושה ווי אין צפון); און דאס איז געווען בכדי צו באווייזן אז זיי פעלט אין שלימות. וואס דאס רעדט זיך וועגן די חלקי הלחם הפנים וכיו"ב וואס מ'האט באקומען לאכילה.

וואס דאס איז די משנה אליין מפרש - איז אין דעם דער פירוש הרמב"ם ורש"י דער זעלבער. בהנוגע אבער צו חלונות און טבעת, איז א שינוי אין די פירושים:

רש"י איז מפרש אז דער ענין פון די טבעות איז געווען, וויבאלד אז בשעת מ'דארף קוילען דעם קרבן, דארף מען באווארענען אז דער ראש זאל זיך ניט מתנענע זיין - זיך ניט שאקלען, ד.ה. ס'זאל זיין א שחיטה כשירה, איז געווען קבועה א חצי טבעת, וואס פלעגט זיך קענען דרייען אהין-און-צוריק, פלעגט מען אויפעפענען די חצי טבעת, און ארייגלייגן דעם ראש הקרבן חי, און דערנאך פארדרייען צוריק דעם חצי טבעת צו דער רצפה, במילא האט דעמאלט די חצי טבעת געהאלטן דעם קרבן אז עד זאל זיך ניט שאקלען, כדי די שחיטה זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין.

וואס איז דער ענין פון חלונות ווי רש"י טייטשט אפ - אז ס'איז געווען חלונות בבית החליפות [וואס "בית החליפות" איז געווען דער ארט און די לשכה, וואו מ'האט געהאלטן די חלפים, וואס דערפאר ווערט דאס אנגערופן "בית החליפות"], און יעדער משמרה האט זיך געהאט אירע חלפים וואס זיי זיינען געלעגן אין א כוך, וואס דער כוך ווערט אנגערופן בשם חלון. בשעה ס'איז געקומען דער זמן פון די משמרה וואס דארף עובד זיין עבודת הקודש בביהמ"ק, פלעגט זי עפענען אט דעם חלון וואס האט געהערט צו איר, און נעמען פון דארטן די חלפים אויף קוילען די קרבנות. וואס דאס איז פירש"י, און עס איז מיוסד אין א בפירוש'ע משנה אין מדות און תמיד ובכ"מ.

דער רמב"ם אין פיהמ"ש איז מפרש אנדערש. ער זאגט, אז דער ענין פון די חלונות איז געווען - אויך א סארט כוך אין כותל, אין וועלכע מ'האט געהאלטן די בגדי כהונה, ווארום בגדי כהונה איז דאך געווען אויף עבודת ביהמ"ק (אפילו די וואס האלטן אז מותר להתחמם בחול, איז דאס דאך מערניט ווי בדרך טפל, אבער בעיקרה איז דאך דאס געווען אויף עבודת המקדש), איז יעדער משמרה האט געהאט חלונות אין דעם מקדש, וואו ס'איז געלעגן זייערע בגדי כהונה, און בשעת ס'איז געקומען זמן עבודתה, פלעגט מען עפענען דעם חלון, און ארויסנעמען די

די בגדי כהונה און מטמט זיין בכהונה, ווארום הכהן המטמט מחוסר בגדים איז עבודתו פסולה.

בנוגע צו טבעת זאגט דעררמב"ם, אז ס'איז געווען טבעות קבועות בכותל, אז אין דער וואנט - נים אין דער רצפה - זיינען געווען קבועות טבעות, אזוינע רינגען אויף וועלכע מ'פלעגט אויפהענגען די בהמה כדי מ'זאל איר קענען מפשיט זיין - אראפשינדן די הויט, כדי מ'זאל קענען מקריב זיין די אימורים ע"ג המזבח, און די בשר איז נאכל לכהנים ( - פון די קרבנות וואס ס'איז נאכל לכהנים), אדער לבעלים וכיו"ב.

און ביי משמרת בילגה איז געווען חלונה סתומה און טבעתה קבועה, און זיי האבן געדארפט אנקומען צו אנדערע משמרות כדי צו ניצן די טבעות און די חלונות.

און מ'מאטערט זיך פון וואנענט נעמט דער רמב"ם מפרש זיין דעם ענין באופן זה, אעפ"י וואס אין משנה שטייט אז טבעות זיינען געווען בנוגע לשחיטה; ועד"ז בנוגע להלונות.

דער חילוק אין די פירושים איז: לויט דעם פי' המשניות להרמב"ם, איז דער עונש און דער קנס געווען אין אן ענין וואס ס'האט צו נשים גאר קיין שייכות נים. ווארום הפשט הבהמה, הפשט הקרבן, איז דאך מקבלה ואילך, וואס דעמאלט איז מצות כהונה - פאנאנדערטיילן דעם "ונחת אותה לנתחי'"וכו' געהערט צו כהנים, און דוקא בני אהרן ולא בנות אהרן. במילא איז נערה פון בית בילגה, האט גאר קיינמאל נים געקענט צוקומען צו דעם טבעת וועלכן מ'האט גענוצט אויף להפקיט את הקרבן. די זעלבע זאך איז בנוגע חלונות אין וועלכע מ'האט געהאלטן די בגדי כהונה, וואס בגדי כהונה איז דאך פאר די זכרים בכהנים, וואס ענינם איז געווען לעבוד במקדש בבגדי כהונה, אבער אין עבודה בבנות.

לפירוש רש"י, אזדי טבעות זיינען געווען בהנוגע צו שחיטת הקרבן, און די חלונות זיינען געווען בהנוגע צום סכין מיט וועלכע צו קוילען דעם קרבן, איז ווי געזאגט פריער, דוקא מקבלה ואילך מצוה כהונה, איז במילא צי בסכין ארוך צי באופן אחר, אישחיטה כשירה בזר, און הכל שוחטין אפילו נשים, איז אויב אפילו נשים קענען נים זיין לגבי המזבח, קענען זיי קוילען בסכין ארוך.

וואס דאס איז א חילוק בהנוגע לשיטה. לויט שיטת רש"י, איז אמת טאקע, מ'קען קנס'נען אביו ואמו פון דעם תינוק, דערפאר וואס שותא דתינוק איז או דאבוה או דאימי', ביז אז מ'קען קנס'נען די משמרה. אבער אין וואס קען מען זיי קנס'נען - בלויז אין אזא ענין צו וועלכן אט דער וואס האט מקלקל געווען האט געהאט דערצו א שייכות.

דערפאר איז אין וואס האט געקענט זיין דער קנס און דער עונש און דער בזיון, מערבים אין אזא ענין וואס די נערה מבית בילגה האט דאס אויך געקענט טאן. נאר וויבאלד אז זי איז געווארן נים ראוי' לזה (און לולא הנהגתה וואלט זי יע געווען ראוי'), דערפאר איז דער עונש אויך געווען מדה כנגד מדה - אז זי אליין זאל נים קענען, ביז אז ס'האט זיך מתפשט געווען אויך על ההורים שלה, ביז על כל המשמרה כולה,

דער

דער רמב"ם זאגט אבער נאך מער: אפילו אזא ענין וואס צו איר האט דאס קיין שייכות גיט געהאט – ווארום ניט זי האט א שייכות צו בגדי כהונה, ניט זי האט א שייכות צו דעם ענין פון טבעות וואס איז שייכות צו הפשט הקרבן ונתח אותה לנתחי' וואס קומט לאחר קבלה – אעפ"כ איז דאס אויך אזויפיל נוגע, אז אזיך דאס ווערט צוגענומען ביי די הורים און ביי די משמרה כולה.

וואס דאס איז א חילוק אין שיטה: דאס וואס מ'קנס'נט א צווייטן דערפאר וואס ער איז א שכן פון א רשע, צי קען דאס זיין נאר אין אן ענין צו וועלכן דער רשע האט אויך א שייכות; אדער, וויבאלד אז מ'קנס'נט אים דערפאר וואס "אוי לרשע ואוי לשכנו", קנס'נט מען אים אויך אין אזא ענין וואס האט צום רשע גאר קיין שייכות ניט.

רש"י [וואס בכללות אין תורה איז ער מפרש אומעטום פשוטו של מקרא, אפילו אין גמרא איז דאך רש"י א פרשן און א פסטן, וואס דערפאר ברענגט דאך רש"י בפירושו ניט אראפ לויט וועמען איז די הלכה, (אין פיהמ"ש להרמב"ם טייטשט ער טאקע אפ די ענינים אין פשוטם, ער ברענגט אבער אויך אראפ הלכות, ביז אויך אין דער מטנה זאגט ער הלכה כר' יהודה. ובכ"מ אין פירוש המשניות – ווי ער שרייבט אין די הקדמה – איז עינינו אויך אויף צו ארויסברענגען ענינים להלכה)] לערנט פשוטם של דברים וואס ליגט זיך אין פסטות

– מ'וויל קנס'נען די עלטערן, איז דאס דוקא אין אזא ענין וואס זי האט געהאט און זי האט אנגעווארן. קנס'נען א זאך וואס צו די נערה האט דאס קיינמאל קיין שייכות ניט געהאט – וואס האט דאס פארא שייכות?! און אויך, אין פשוטם של ענינים דארף זיין "טבעתה קבועה וחלונה סתומה" מעין פון "הולקת בדרום" ניט בצפון. וואס דער ענין פון חולקת בדרום, איז נאכל להם ולנשיהם ולבניהם ולעבדיהם. במילא רש"י לערנט פשוטם של ענינים, אז פונקט אזוי ווי "חולקת" איז דאס אן ענין וואס ס'האט א שייכות צו די נערה אויך ✻) און מצד זירוף האט מען גע'קנס'נט אנדערע, אט אזוי איז אויך "חלונה וטבעתה" אין אזוינע ענינים וואס האט א שייכות אויך צו די נערה – בדוגמא ווי חולקת, און מצד דעם קנס האט מען דאס צוגענומען בא איר און צוגענומען בא אנדערע.

דער רמב"ם, וואס ער ברענגט אראפ הלכה לפועל, און וואס ער שרייבט אין הל' דיעות (רפ"ו), אז אן אדם קען זיך ניט אויסדרייען פון ניט אפלערנען פון מעשי שכניו, ביז אז ער זאגט אז אויב כל המדינות זיינען ניט ווי ס'דארף צו זיין, זאל ער אוועקגיין אין א מדבר, און זיין דארטן איינער אליין, דערפאר וואס דאס איז ניט נאר אן ענין פון א מדת הסידות, און ניט אן ענין פון הידור און ניט אן ענין פון תוספה – דאס איז א דין בפ"ע,

לערנט ער אז ס'איז ניט "אוי לשכנו" דערפאר וואס א רשע שמייסט מען במילא קומט אים אויך אן סמיץ. נאר וויבאלד ער איז א שכן

---

✻) אין הכוונה לחלוקת לתה"פ [בו נאמר והיתה לאהרן ולבניו. ק"ק הוא] כ"א לשאר הדברים הנחלקין שם, וכגון עורות המוספין ועוד [דהא דאיתותב ר"י – הוא בזה שפתי משמרות חולקין, אבל לא בנוגע לזה שהמשמרה "חולקין ביניהם" – כל' רש"י (נו,א) ד"ה הנכנסים]

הנחת הת' בלתי מוגה

טכן פון דעם רשע, ווערט ער בדוגמת דעם רשע, ווי דער רמב"ם טייטשט דאס אפ אין הל׳ דיעות. און וויבאלד ער האט סוין רשעות מצ"ע, קען מען אים מעניט זיין אין זיינע ענינים אויך;

– אויב ער האט זיין ענט בלויז דערפאר וואס דעם ענט באקומט דער רשע במילא קייקלט זיך דאס דערנאך אראפ אויפן טכן אויך – איז אין וואס איז שייכות צו מעניט זיין דעם טכן, דוקא אין די ענינים וואס זיינען שייכות ביים רשע. איז בנוגע צו בילגה, אין וואס קען מען מעניס זיין די נערה – אין מבעתה וואס איז נוגע צו חתיטה, אין חלונה וואס איז נוגע צו א חלף, און הולקת בדרום וואס איז נוגע צו אן אוה אויך.

לשיטת הרמב"ם אין הל׳ דיעות, אז דער אדם בטבע לערנט זיך אפ פון בני מדינתו, עאכו"כ פון די טכנים, במילא שטעלט ער זיך אריין אין א מקום סכנה (און דאס איז ניט קיין סכנת ספק, נאר דאס איז א ודאי אז ער וועט אפלערנען), במילא ווערט ער אליין א רשע. באקומט ער ניט מצד די נערה, ער באקומט מצד מעשיו. און בשעת ער באקומט מצד מעשיו, איז מען אים מעניט לויט זיינע מעשים, ס׳איז ניט נוגע צי ס׳איז שייכות ביים רשע, צי ניט.

און דערפאר ברענגט די גמרא אראפ – לויט אונזער גירסא – "אוי לרשע אוי לשכנו, טוב לצדיק טוב לשכנו, שנאמר אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו". זאגן די מפרשים, אז וויבאלד עס שטייט "פרי מעלליהם יאכלו" לשון רבים, און די התחלה איז "אמרו צדיק כי טוב" לשון יחיד, איז דערפון איז די ראי׳ וואס די גמרא ברענגט, אז פון א יחיד – פון דעם צדיק אליין, ווערט דערנאך א רבים, אז עס קומט אן צו די שכנים אויך.

לויט פירש"י איז מוכח אז רש"י איז דאס ניט גורס אין גמרא, ווארום רש"י ברענגט גאר די ראי׳ אויף דערויף פון ספרא, אז ס׳שטייט בא א בית המנוגע, אז בשעת ס׳איז געווען אן אבן בקרן *) הבית, און דער נגע איז נראה מערניט ווי אין איין בית, וויבאלד אבער דאס איז אין א קרן זוית, איז אויך אט דער טייל אבן וואס קוקט אריין אין דעם צווייטן בית, איז וחלצו את האבנים – מען נעמט דאס אויך צו. און פון וואנענט ווייס מען אז טוב לצדיק טוב לשכנו, איז דאס דערפאר וואס מרובה מדה טובה ממדה הפכית,

איז דאך דערפון די הוכחה (וויבאלד אז רש"י ברענגט פון מרובה מדה טובה) אז ער איז ניט גורס אין גמ׳ אז די ראי׳ איז פון דעם פסוק "אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו",

וואס איז די ראי׳ פון ספרא – אין וואס איז מען מעניס דעם שכן בא ווענען ס׳איז ניט געווען דער נגע, אין אן אבן אין וועלכע ס׳איז נראה א נגע בא דעם רשע. במילא איז דאס ווי פירש"י, אז אין וואס איז מען מעניט דעם שכן – אין וואס האט מען מעניט געווען די משמרת בילגה, אין דעם ענין אין וועלכע ס׳איז געווען בא דער נערה – כנגע נראה לי בבית.

מטא"כ לויט די ראי׳ וואס שטייט אין פסוק, וואס די גמרא ברענגט אראפ, "כי פרי מעלליהם יאכלו", איז לכאורה ניט פארשטאנדיק, ווארום

---

*) הוא עפ"י פרש"י כאן, כהוסיף על (גירסתנו) מט"כ בתו"כ התיבה "במקצוע". ויש להאריך שגם בזה לשיטתי׳ (ברש"י חולין קכג,ב).

וואָרום פרי מעלליהם איז דאָך דער טייטש אז מ'עסט די פרי פון מעלליהם - זייערע אייגענע, ד.ה. אז ער באַקומט א זייטיקע זאַך. און ווי דער רמב"ב טייטשט דאָס אַפּ אז דאָס איז גאָר אין א זייטיקן ענין, וואָרום דאָס ווערט זיינער אן ענין. ס'איז געווען פרי מעלליהם און דערנאָך איז יאכלו.

וואָס פון רמב"ם איז ניטאָ קיין הוכחות צי ער איז גורס דעם ענין אין גמרא צי ניט, אָבער לדעת רש"י איז ברור אז דעם פסוק איז ער ניט גורס אין דער גמרא *), (וכ"ה בד"ס). אפילו אז מ'זאָל זאָגן אז דער רמב"ם איז דאָס אויך ניט גורס, אָבער בכל אופן פון דעם גאַנצן ביאור אז טבעתה וחלונה איז דאָס ענינים וואָס זיינען לגמרי ניט שייכות ביי דער נערה, איז דאָס מתאים לשיטתו אין הל' דיעות, אז בשעת ס'איז טוב לצדיק איז טוב לשכנו, דערפאַר וואָס דער שכן איז לומד ממעשי הצדיק. און וויבאַלד ער איז לומד ממעשי הצדיק, איז ער זיך מתנהג ווי דער צדיק, באַקומט ער דעמאָלט שכר, פרי מעלליהם - זיינע אייגענע,

און אַזוי איז אויך בהנוגע צו טבעתה וחלונה, אז דאָס איז אויך אין די ענינים וואָס בא דער נערה איז דאָס לגמרי ניט געווען, וואָרום וויבאַלד אז ער האָט זיך געפירט ניט ווי ס'דאַרף צו זיין (ווי ער זאָגט אין הל' דיעות אז לומד ממעשיו), קומט אים דערפאַר אן עונש על עניניו,

וואָס דאָס איז דער חילוק צווישן פירוש רש"י און פי' הרמב"ם. דער רמב"ם גייט לשיטתו אין הל' דיעות, און רש"י גייט לשיטתו אויף אַנגעמען פשוטם של ענינים. וואָס פשוטם של ענינים לייגט זיך אז ס'דאַרף זיין מדה כנגד מדה אין אַט דאָס וואָס די נערה האָט דערצו א שייכות; און אויך איז פשוטם של ענינים אז די אַלע דריי ענינים דאַרפן זיין מסוג אחד: דער ענין פון "טבעתה" און "חלונה" ו"הולקת", - אז די אַלע דריי ענינים זיינען שייכות צו די בנות כהנים, פונקט ווי זיי זיינען שייכות צו די בני כהנים.

[עוד ראי' לפרש"י מפסטות הש"ס - דבנוגע לקנס האב הל': אמר אביי אין כדאמרי, מטא"כ בנוגע להמשמרה דל"ק "אין" - היינו דלא קנסינן לה, ומכש"כ - שלא בדבר דליתא בהנערה]

ווי גערעדט פריער, האָט דאָס אויך א שייכות צו התחלת המס': לכאורה, סוכה איז דאָך א מצוה שהז"ג, זיינען דאָך נשים פטורות - אעפ"כ קען זיין א סברא אז בא איר זאָל אויך זיין אַט-דער ענין. וואָרום דער דין איז אז אשה בעלה משמחה, ובמילא אויב זי זיצט אין סוכה, קען זיין אז בא איר ווערט דאָס אויך זמן שמחתינו - וויבאַלד אז בעלה משמחה, און ער איז דאָך מחוייב ליֵשב בסוכה.

עס ווערט אָבער דעמאָלט א שאלה וואָס איז דעמאָלט איר שמחה, צי דאָס איז די שמחה פון בעלה משמחה, ובמילא איז דאָס ניט שמחת סוכה [במילא איז ניט גלייך איר זמן שמחתינו צו זיין זמן שמחתינו: אז זי זאָגט זמן שמחתינו איז דאָס א שמחה וואָס בעלה משמחה, און דאָס

---

*) כי לפרש"י הי' צ"ל פרי מעלליו (דהצדיק) יאכלו. משא"כ לפי' הרמב"ם מדויק מש"כ "מעלליהם" [ובב"ז אמרו לצדיק גו' - כיון שמכנו למדו כו'].

הנחת הה' בלתי מוגה

דאס וואס ער זאגט זמן שמחתינו, איז דאס זמן שמחתינו פון מצות סוכה, אדער אויך בא איר איז עס אן ענין פון מצות סוכה.

ווארום אעפ"י אז זי איז מחוייב אין עניני סוכות, איז דאס אבער ניט פארבונדן מיט אכילה בסוכה; ס'איז טאקע דא דער ענין פון שמחה וואס איז פארבונדן מיט אין שמחה אלא בבשר און אין שמחה אלא ביין, און מיט א קביעת סעודה וכו', בפרט סעודת יו"ט וואס זיי זיינען דאך חיובים, וואס אין דעם איז די אשה אויך מחוייב, ס'איז אבער ניט ווי דער בעל, ווארום דער בעל איז מחוייב לאכול בסוכה, און די אשה אוכלת בבית.

ובמילא, אויב מצד דעם ענין פון שמחת יו"ט, און דעם ענין פון בעלה משמחה, איז זי בפועל אוכלת עם הבעל בסוכה, ווערט דאן די שאלה: דאס וואס ס'איז דא די שמחה אין ישיבת סוכה, צי איז דאס ביי זיי צוויי באזונדערע שמחות, אדער די זעלבע שמחה.

און דאס איז קשור אויך מיט סיום המס':

לויט פרש"י אז דער עונש אין דער מדה בלתי טובה איז באופן אז דער זעלבער עונש דארף נשתלשל ווערן (אין דעם זעלבן ענין) סיי בא דעם זכר סיי בא די נקבה, וועט עפי"ז אויסקומען אויך אין תחלת הענין, דאס וואס מ'זיצט אין א סוכה, און דארט איז דא די שמחה בבשר וביין ובקביעת סעודה וכו', איז אעפ"י אז די התחלה ווערט ע"י הבעל, דאס ווערט אבער דערנאך שמחתה, דערפאר וואס דאס ווערט נשתלשל פון שמחת הבעל צו איר.

וכאמור, אז דאס איז א נקודה, וואס במשך פון סוכות וועט מען דאס קענען מסתמא מבאר זיין ביתר ביאור. דאס וואס ס'איז נוגע לעניננו, אז אזוי ווי איצטער זיינען דאך די טעג וואס זיי זיינען די הכנה ליום הכיפורים, ועי"ז אויך די הכנה צו זמן שמחתינו, זאל נמשך ווערן די מחילה וכפרה וסליחה לאנשים ולנשים, ולבנים ולבנות, ביז אין אן אופן פון סלחתי כדבריך, וואס דעמאלט איז דאך זדונות נעשים כזכיות, דערנאך איז פון די עניני הקטורת אשר בקדשי קדשים, ווערט נמשך - ווי דער אלטער רבי איז מבאר בכמה מקומות - די סכך הסוכה, וואס דערפון ווערט דערנאך שמחת סוכה,

זאל אויך נמשך ווערן פון דעם מחילה סליחה וכפרה, וואס דאס איז דא לכל אחד ואחת, אין אן אופן פון סלחתי כדבריך, א שמחה גדולה לכל אחד ואחת בישראל, ביז אין אן אופן פון א סוכה גדולה, וואס בה ישבו כל ישראל בסוכה אחת, ביז אין אן אופן פון אין לזריב אתך דערפאר וואס יהיו לך לבדך, ווי ער זאגט אין זהר, אז ישראל ומלכא בלחודוהי, אז דער גוי אחד מיט הוי' אחד דורך תורה אחת, פרייען זיך צוזאמען בשמחה, זמן שמחתינו לשון רבים, פון ישמח ישראל בעושיו, און ישמח הוי' במעשיו, און מ'איז ממשיך די שמחה בכל השנה כולה.